גליון 220
ויגש תשפ"ה



# דעם רבינ'ס מעשיות

לעידוד וחיזוק הלימוד והחזרה
בספה"ק סיפורי מעשיות משנים קדמוניות
שסיפר רבינו הקדוש רבי נחמן מברסלב זיע"א

## דעם רבינ'ס משלים

## אַ פְרֵיילַאכֶע זִיג

דֶער הַאר אִיז גֶערוּפְן גֶעוָוארְן צוּם גְרוֹיסְן פַּאלַאץ פוּנֶעם קֶענִיג. "הֶער מִיר צוּ מַיין טַייעֶרער הַאר", זָאגְט אִים דֶער קֶענִיג, "קוּמֶענְדִיגְן דִינְסְטָאג הָאבּ אִיךְ אַ פְרַייעֶ טָאג פוּן מַיינֶע קֶענִיגְלִיכֶע עִנְיָנִים, מִיט וָואס קֶען אִיךְ דוּרְכְפִירְן דֶעם טָאג מִיט עֶפֶּעס אִינְטֶערֶעסַאנְטְס? הָאסְט עֶפֶּעס אַ גֶעדַאנְק, עֶפֶּעס וָואס זָאל מִיר דֶערְפְרֵייעֶן? אַ זַאךְ וָואס קֶען מִיר בַּאנֶעמֶען אוּן אוֹיפְהַייטֶערְן"?

דִינְסְטָאג בַּייטָאג זִיצְט זִיךְ דֶער קֶענִיג אִין זַיין הֶערְלִיכְן גָארְטְן, אִינְאֵיינֶעם מִיט זַיינֶע הוֹיכְגֶעשֶׁעצְטֶע הַארְן. אוֹיפְן רִיזִיגְן פְּלַאטְפָארְמֶע וֶועלְכֶע שְׁטֵייט אִינְמִיטְן גָארְטְן, גֶעפִינֶען זִיךְ עֶטְלִיכֶע רִיזִיגֶע פַארְצִיקְנְדֶע הוֹיכֶע חִיוּת.

דֶער רִירְנְדֶע מַעֲמַד הֵייבְּט זִיךְ אָן. דִי חַיּוֹת הֵייבְּן זִיךְ אָן שְׁטוֹיסְן אֵיינֶע דִי צְוֵייטֶע, לוֹיפְן אוּן בְּרִיקֶען, אַנְטְלוֹיפְן אוּן שְׁרַייעֶן, שְׁפְּרִינְגֶען אוּן פַאלְן. לִיאַרְמֶען אוּן קְנַאקֶען, אֵיינֶע גֶעוִוינְט דָאס צְוֵייטֶע. אֵיין חַיָּה אִיז כִּמְעַט גֶעפַאלְן וֶוען דִי צְוֵייטֶע אִיז שׁוֹין בַּאלְד אַ גֶעוִוינֶער.

פְּלוּצְלוּנְג כַאפְּט דֶער קֶענִיג שָׁאק אוּן וואוּנְדֶער, וֶוען אֵיין חַיָּה וֶועלְכֶע אִיז שׁוֹין כִּמְעַט גֶעפַאלְן צוּם טוֹיט, הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט מִיט שְׁטָאלְץ אוֹיף דִי פִיר פִיס אוּן אַרוֹיפְגֶעשְׁפְּרִינְגֶען אוֹיף דִי שְׁטַארְקֶע חַיָּה אוּן אִיר בַּאזִיגְט אוֹיף אַלֶעמָאל.

דֶער קֶענִיג רַייבְּט זִיךְ דִי הֶענְט מִיט פְרֵייד: "וִוי גֶעשְׁמַאק צוּצוּזֶען אַזַא מִלְחָמָה מִיט דִי אֵייגֶענֶע אוֹיגְן. ס'אִיז גֶעוַואלְדִיג צוּ זֶען דִי חַיָּה וָואס הַאלְט בַּיים זִיךְ אוֹיסְלָאזְן שְׁטַארְק זִיךְ אַזוֹי אוּן גֶעוִוינְט מִיט אַזַא נִצָּחוֹן. זִי גֵייט אוֹיף אַרוֹיף אוּן גֶעוִוינְט דֶעם שְׁפִּיל, טְרָאץ דִי קְלֶעפּ וָואס זִי כַאפְּט. אִיךְ הָאבּ אַזַא נַחַת צוּצוּזֶען אַזַא שְׁפִּיל, דָאס דֶערְפְרֵייט מִיר אַזוֹי שְׁטַארְק צוּ זֶען אוּן מִיטְהַאלְטְן פוּן דֶער נָאנְט".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז מִיט דֶעם מָשָׁל, דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט וֶוען מִיר שְׁטַארְקְן זִיךְ בַּיים דַאוֶוענֶען אוֹיף אוּנְזֶערֶע פְרֶעמְדֶע גֶעדַאנְקֶען, דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס דְרִינְגֶען אַרַיין אָן רְשׁוּת אִין אוּנְזֶער מֹחַ.

דִי טָמֶא'נֶע חַיּוֹת וֶוערְן פַארְעכְנְט פַאר שְׁלֶעכְטֶע אוּן אוּמְוֶוערְדִיגֶע מַחֲשָׁבוֹת, טָהוֹרֶ'ע חַיּוֹת וֶוערְן גֶערוּפְן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע מַחֲשָׁבוֹת.

דֶער מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים לָאזְט צוּמָאל עֶס זָאל אוּנְז אַרַיינְדְרִינְגֶען אִין מֹחַ צְוֵויי סָארְטְן מַחֲשָׁבוֹת. בַּיים דַאוֶוענֶען אוּן בַּיים לֶערְנֶען אוּן סְתָם אַזוֹי אִין אַ גְרִינֶעם מִיטְוָואךְ. דֶער בַּאשֶׁעפֶער פוּן אוֹיבְן קוּקְט מִיט הֲנָאָה צוּ זֶען דִי גְרוֹיזַאמֶע מִלְחָמָה צְוִוישְׁן דִי רֵיינֶע אוּן אוּמְרֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת.

צֶענְדְלִיגֶע מָאל קוּקְט אוּנְז אוֹיס אַז דִי אוּמְרֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת גֵייעֶן אָט אָט גֶעוִוינֶען אִיבֶּער דִי רֵיינֶע גֶעדַאנְקֶען, דִי הֵיילִיגֶע מַחֲשָׁבוֹת.

אָבֶער פְּלוּצְלוּנְג נָאכְן זִיךְ שְׁטַארְקְן וֶוערְט אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, אַז מִיר זֶענֶען זִיךְ מְחַזֵּק אוּן דֶערְהֵייבְּן זִיךְ הֶעכֶער דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, מִיר טְרַאכְטְן גוּטֶע רֵיינֶע גֶעדַאנְקֶען, מִיט שְׁטַארְקַייט אוּן זֶעלְבְּסְטְשַׁאץ, שַׁאפְן מִיר אַ גֶעוַואלְדִיגֶער תַּעֲנוּג אוּן נַחַת פַארְן בַּאשֶׁעפֶער! אוּן דָאס אִיז בַּיי אִים גָאר גָאר טַייעֶר.

**לָאמִיר גוּט גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער לָאזְט אוּנְז זִיךְ סְפְּרַאוֶוען מִיט אַ נִסָּיוֹן פוּן אָט דִי אוּמְרֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת כְּדֵי מִיר זָאלְן זִיךְ שְׁטַארְקְן אִיבֶּער זֵיי מִיט רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת אוּן זֵיי זִיגְן אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט דֶערְפוּן גָאר אַ גְרוֹיסֶע נַחַת רוּחַ.**

(לוֹיט לקו"מ תּוֹרָה רֶגֶ"ל)



# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

## מַעֲשֶׂה י"ג - דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס (9)

**אַז זֵיי הָאבְּן גוֹמֵר גִיוֶוען דִי שִׂמְחָה פוּן דֶעם טָאג.** אוּן זֵיי הָאבְּן דֶערְנָאךְ אִיבֶּער גִיוֶועכְטִיגְט. אִין דֶערְפְרִיא הָאבְּן זֵיי זִיךְ ווִידֶער דֶערְמַאנְט אוּן הָאבְּן גִיבֶּענְקְט וְכוּ' נָאךְ דֶעם בֶּעטְלֶער וָואס עֶר הָאט גִיהַאט אַ קְרוּמֶען הַאלְז דֶערְוַוייל קוּמְט עֶר אַרַיין אוּן זָאגְט אִיךְ בִּין דָא וְכוּ'.

**פְרִיר הָאבּ אִיךְ אַייךְ גִיבֶּענְטְשְׁט** אַז אִיר זָאל זַיין אַזוֹי ווִי אִיךְ. הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ דְרָשָׁה גִישַׁאנְק אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי ווִי אִיךְ.

**אִיר מֵיינְט.** אַז אִיךְ הָאבּ אַ קְרוּמֶען הַאלְדְז. אִיךְ הָאבּ גָאר קֵיין קְרוּמֶען הַאלְדְז נִיט. אַדְרַבָּא אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַ גְלַייכִין הַאלְז. זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶעם הַאלְז.

**נָאר סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין הַבְלֵי עוֹלָם.** (דְהַיְינוּ נַארִישְׁקֵייט פוּן דֶער וֶועלְט) אוּן אִיךְ ווִיל גָאר קֵיין שׁוּם דוּךְ אִין דֶער וֶועלְט נִיט אַרַיין לָאזִין. (אוּן דְרִיבֶּער הָאט עֶר אַ פָּנִים ווִי אַ קְרוּמֶער הַאלְז. וָוארִין עֶר פַארְקְרוּמְט דֶעם הַאלְז פוּן דִי הַבְלֵי עוֹלָם אוּן עֶר ווִיל גָאר קֵיין שׁוּם דוּךְ אִין דֶער וֶועלְט נִיט אַרַיין לָאזִין)

**אָבֶּער צוּם אֱמֶת** הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶעם הַאלְז. זֵייעֶר אַ ווָאוּילִין הַאלְז. וָוארִין אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַ ווָאוִיל קוֹל. אוּן אַלֶע קוֹלוֹת וָואס אִין דֶער וֶועלְט וָואס נָאר אַ קוֹל אָן אַ דִיבּוּר. קָאן אִיךְ אַלֶע קוֹלוֹת נָאךְ מַאכִין מִיט מַיין קוֹל. וָוארִין אִיךְ הָאבּ אַ הַאלְז אוּן אַ קוֹל זֵייעֶר אַ ווָאוּלְס אוּן אִיךְ הָאבּ אַ הַסְכָּמָה דְרוּיף פוּן דֶער מְדִינָה.

**וָוארִין סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין אַ מְדִינָה** וָואס זֵיי קָאנֶען אַלֶע זֵייעֶר ווָאוִיל דִי חָכְמָה פוּן מָאזִיקַא.

(דְהַיְינוּ דִי חָכְמָה פוּן שְׁפִּילִין אוּן זִינְגֶען)




אוּן זֵיי זֶענֶען אַלֶע דָארְט עוֹסֵק אִין דֶער חָכְמָה. אוּן אַפִילוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶער. סֶע אִיז דָארְטִין נִיט פַארְהַאנְדִין אַ קִינְד וָואס סֶע זָאל נִיט קֶענֶען שְׁפִּילִין אוֹיף עֶפֶּעס אַ כְּלִי שִׁיר.

**אוּן דֶער קְלֶענְצְטֶער פוּן דֶער מְדִינָה** אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער חָכָם אִין אֵיין אַנְדֶערֶע מְדִינָה אִין דֶער חָכְמָה פוּן מָאזִיקַא.

**אוּן דִי חֲכָמִים** אוּן דֶער מֶלֶךְ פוּן דֶער מְדִינָה אוּן דִי קַאפֶּעלְיֵיס זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר ווִילְד גְרוֹיסֶע חֲכָמִים. אִין דֶער חָכְמָה.

**אַמָאל זֶענֶען גִיזֶעסְן דִי חֲכָמִים** פוּן דֶער מְדִינָה. אוּן אִיטְלִיכֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט מִיט זַיין חָכְמָה אִין מָאזִיקַא

דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט עֶר קָאן שְׁפִּילִין אוֹיף דֶעם כְּלִי שִׁיר.

אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט עֶר קָאן שְׁפִּילִין אוֹיף דֶעם כְּלִי שִׁיר.

אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט מִיט דֶעם כְּלִי שִׁיר.

אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט עֶר קָאן שְׁפִּילִין אוֹיף עֶטְלִיכֶע כְּלֵי שִׁיר.

אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט. עֶר קָאן שְׁפִּילִין אוֹיף אַלֶע כְּלֵי שִׁיר.

אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט. אַז עֶר קָאן מַאכִין מִיט זַיין קוֹל אַזוֹי וִוי דָאס כְּלֵי שִׁיר.

אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט. עֶר קָאן מַאכִין מִיט זַיין קוֹל אַזוֹי וִוי דָאס כְּלִי שִׁיר.

אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט. עֶר קָאן מַאכִין מִיט זַיין קוֹל אַזוֹי וִוי עֶטְלִיכֶע כְּלֵי שִׁיר.

אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט אַז עֶר קָאן מַאכִין מִיט זַיין קוֹל אַזוֹי וִוי אַ פּוֹיק פּוּנְקְט. גְלַייךְ וִוי מֶע פּוֹיקְט.

אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט. עֶר קָאן מַאכִין מִיט זַיין קוֹל אַזוֹי וִוי מֶע שִׁיסְט אוֹיס פוּן אֵיין הוּרְמַאטֶעס

אוּן אִיךְ בִּין דָארְט אוֹיךְ גִיוֶועֶן (דְהַיינוּ דֶער מִיט דֶעם קְרוּמֶען הַאלְז וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ)

**הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָנְגִירוּפְן** אוּן הָאבּ צוּ זֵיי גִיזָאגְט מַיין קוֹל אִיז בֶּעסֶער פוּן אַייעֶרֶע קוֹלוֹת. וְהָא רַאְיָה. וָוארִין אַז אִיר זֶענְט יוֹא אַזוֹינֶע חַכָמִים אִין מָזִיקַא הֶעלְפְּט זֶע דִי צְוֵויי מְדִינוֹת.

**וָוארִין סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין צְוֵויי מְדִינוֹת.** אוּן דִי צְוֵויי מְדִינוֹת זֶענֶען וַוייט אֵיינֶער פוּן דֶער אַנְדֶערֶער טוֹיזִינְט מַייל.

**אוּן דָארְט אִין דִי צְוֵויי מְדִינוֹת** אַז סֶע קוּמְט דִי נַאכְט קָאן מֶען נִיט שְׁלָאפִין וָוארִין אַז סֶע וֶוערְט נַאכְט אַזוֹי הֵייבִּין זֵיי אַלֶע אָן צוּ קְלָאגִין מִיט אַ קוֹל יְלָלָה. אֲנָשִׁים וְנָשִׁים וְטַף.

**וָוארִין בַּיינַאכְט.** הֶערְט מֶען דָארְט אַ קוֹל יְלָלָה זֵייעֶר (דְהַיינוּ אַ וֵויינִינְדִיק קוֹל פוּן קְלָאגִין) אוּן מַחְמַת דֶעם מוּזִין זֵיי אַלֶע דָארְט אָנְהֵייבִּין צוּ קְלָאגִין. מַאנֶען אוּן וַוייבֶּער אוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער.

**אַז סֶע זָאל לִיגִין אַ שְׁטֵיין** וָואלְט עֶר צוּגָאסִין גִיוָוארִין. אוּן אַזוֹי פִּירְט זִיךְ אִין דִי צְוֵויי מְדִינוֹת.

**וָוארִין אִין דֶער מְדִינָה** הֶערְט מֶען דָאס קוֹל יְלָלָה מוּזִין זֵיי אַלֶע קְלָאגִין כַּנַ"ל. אוּן אַזוֹי אִין דֶער אַנְדֶערֶע מְדִינָה אִיז אוֹיךְ אַזוֹי.

**אוּן אֵיין מְדִינָה** פוּן דֶער אַנְדֶערֶער אִיז וַוייט טוֹיזִינְט מַייל. בְּכֵן אַז אִיר זֶענְט אַזוֹינֶע חַכָמִים אִין מָאזִיקָא. (דְהַיינוּ אִיר קָאנְט שְׁפִּילִין אוּן זִינְגֶען) הֶעלְפְּט זֶע דִי צְוֵויי מְדִינוֹת. אָדֶער מַאכְט חָאטְשֶׁע נָאךְ דָאס קוֹל (דְהַיינוּ דָאס קוֹל יְלָלָה וָואס מֶע הֶערְט דָארְט מַאכְט נָאךְ דָאס קוֹל)

הָאבִּין זֵיי צוּ אִים גִיזָאגְט. וֶועסְטוּ אוּנְז אַהִין פִּירִין. הָאט עֶר גִיזָאגְט. יוֹא. אִיךְ פִּיר אַייךְ אַהִין. הָאבִּין זֵיי זִיךְ אוֹיף גִיהוֹיבִּין אַלֶע אַהִין צוּ גֵיין.

**זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען** אוּן זֵיי זֶענֶען אַהִין גִיקוּמֶען (דְהַיינוּ צוּ אֵיין מְדִינָה פוּן דִי צְוֵויי מְדִינוֹת הַנַּ"ל)

וִוי סֶע גִיקוּמֶען נַאכְט. אִיז גִיוֶועֶן אַזוֹי וִוי תָּמִיד. זֵיי הָאבִּין אַלֶע אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ קְלָאגִין אוּן דִי חַכָמִים הָאבִּין אוֹיךְ גִיקְלָאגְט. (הָאבִּין זֵיי שׁוֹין גִיזֶעהְן אַז זֵיי קֶענֶען זֵיי נִיט הֶעלְפִין)

**הָאט עֶר צוּ זֵיי גִיזָאגְט** (דְהַיינוּ דֶער וָואס הָאט גִיהַאט אֵיין קְרוּמֶען הַאלְז הָאט גִיזָאגְט צוּ דִי חַכָמִים הַנַּ"ל) עַל כָּל פָּנִים. זָאגְט מִיר פוּן וַואנֶעט אִיז דָאס קוֹל יְלָלָה וָואס מֶע הֶערְט דָארְט פוּן וַואנֶעט אִיז דָאס קוֹל. הָאבִּין זֵיי צוּ אִים גִיזָאגְט. אוּן דוּ וֵוייסְט. הָאט עֶר גִיעֶנְפֶערְט. אִיךְ וֵוייס יוֹא.

נאמען: ____________

# לאמיר זיין פארהערן



## די דרייצנסטע מעשה - די זיבן בעטלערס (9)

**א. ווי אזוי איז געווען באמת די האלז פון דעם פערטן בעטלער?**
- ☐ א קרומער האלדז
- ☐ זייער א גלייכע האלדז
- ☐ זייער א גלייכע און א שיינע האלדז

**ב. וואספארא קול האט דער בעטלער געהאט?**
- ☐ א הייזעריגע קול
- ☐ א פשוט'ע קול
- ☐ זייער א וואויל קול

**ג. פון וועמען האט ער א הסכמה?**
- ☐ פון די מדינה וואס לעבן חיים טובים
- ☐ פון דעם אמת'ן איש חסד
- ☐ פון די מדינה וואס אלע זענען חכמים אין מוזיקא

**ד. וויפיל חכמים רעכנט דער רבי' אויס וואס האבן זיך בארימט מיט די חכמה פון נגינה?**
- ☐ דריי
- ☐ זיבן
- ☐ צעהן

**ה. וועלכע קולות איז דער רבי' מפרט אז זיי קענען עס נאכמאכן?**
- ☐ א פויק און א פידל
- ☐ א פויק און א פייפער
- ☐ א פויק און וואו מ'שיסט פון הורמאטעס

**ו. מיט וואס איז די קול פון דעם בעטלער בעסער פון זייערע?**
- ☐ ווייל זייער קול איז שטילער
- ☐ ווייל זייער קול איז מער הייזעריג
- ☐ ווייל זיי קענען נישט העלפן די צוויי מדינות

**ז. ואו ווייט זענען די צוויי מדינות איינס פון די אנדערע?**
- ☐ פינעף הונדרעט מייל
- ☐ טויזענט מייל
- ☐ א תחום שבת

**ח. וואס געשעהט ביינאכט ביי די צוויי מדינות?**
- ☐ די עלטערע מענטשן קלאגן מיט א וויינעדיגע קול
- ☐ די ווייבער און קליינע קינדער קלאגן מיט א וויינעדיגע קול
- ☐ מענער ווייבער און קינדער קלאגן מיט א וויינעדיגע קול

**ט. וואס איז געשען צו די חכמים ווען זיי האבן געהערט די קלאגן פון די מדינה?**
- ☐ זיי האבן געזאגט אז זיי האבן א עצה זיי צו העלפן
- ☐ זיי האבן אויך אנגעהויבן קלאגן
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**י. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ☐ יא
- ☐ ניין
- ☐ א חלק



## טיפער געטראכט

ווען האט דער רבי' דערציילט פון דעם בעטלער וואס האט א קרומע האלדז?

### תשובות אויף די פריערדיגע וואך

"בֶּענְקְט און גְלוּסְט תָּמִיד. און סֶע גֵייט גָאר אוֹיס" ביי וועלכע נאך מעשה ווערט דערמאנט "בענקען" און וועלכע נאך לשונות שטייט דארטן וואס ביי אונז ווערט דאס נישט דערמאנט? אין די ערשטע מעשה: בֶּענְקֶען און וֶועלִין און הָאפִין (דער משנה למלך), - אין די צוויטע מעשה: דֶער בֶּן מֶלֶךְ הָאט זֵייעֶר גִיבֶּענְקְט

דעם רבינ'ס **מעשיות**

לְהִתְוַדַּע וּלְהִגָּלוֹת אַז אִיטְלֶעכְס וָוארְט וָואס דָא שְׁטֵייט אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר, אִיז 'קוֹדֶשׁ־קָדָשִׁים', לוֹטֶער 'סוֹדוֹת־הַתּוֹרָה'. מֶען זָאל נִישְׁט מֵיינֶען: "אַז דָאס זֶענֶען חַס־וְשָׁלוֹם פְּרָאסְטֶע מַעֲשִׂיּוֹת"!

צו ענטפערן בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5333372 צו באקומען דעם גליון אין מייל- m025345040@gmail.com